The Man Whose Words Came True

לערנער = געלערנטער, האָט אַ סך געלערנט
פֿאַררופֿן = גערופֿן
last will & testament = צוואה
red fir grove = יעלניק
וועלדל = קליינער וואַלד
נעכטיקן = שלאָפֿן דורך די נאַכט
אַפֿריִער = פֿריִער, פֿאַר דעם
פֿאַרזאָגן = הייסן instruct
אַלטינקן = אַלטן, דימינוטיוו
obey = פֿאָלגן
barrel = טון
scruple of good luck = קווינט מזל
some — you are! = נאַדיר גאָר

# 23. דער וואָרטזאָגער

א מאָל איז געווען אַן אַלטער ייִד, אַ פֿײַנער מאַן, אַ לערנער, האָט ער געהאַט דרײַ זין, פֿײַנע קינדער. און אַז ס'איז געקומען זײַן צײַט צו שטאַרבן, האָט דער ייִד פֿאַררופֿן צו זיך זײַנע דרײַ זין און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „מײַנע ליבע קינדער, איך גיי שטאַרבן. לאָז איך אײַך אַ צוואה און זאָג אײַך אָן, אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר מיך מקבר זײַן דאָרטן לעבן יענעם יעלניק, אַוו דער געלער זאַמד, אין וועלדל, און איר זאָלט קומען צו מיר נעכטיקן אַף מײַן קבֿר דרײַ נעכט נאָך אַנאַנד, איינציקווײַז: אַפֿריִער זאָל קומען דער עלטערער זון, דערנאָך דער מיטעלער און דערנאָך דער ייִנגסטער. איר זאָלט קומען נעכטיקן און פֿאַר גאָרניט מורא האָבן, וועט אײַך זײַן גוט.‟

איז אַזוי געווען: דער ייִד איז געשטאָרבן און, זײַנע זין האָבן געטאָן אַזוי ווי ער האָט זיי פֿאַרזאָגט אין דער צוואה. איז אַפֿריִער געגאַנגען דער עלטערער זון נעכטיקן אַפֿן טאַטנס קבֿר. האָט ער איבערגענעכטיקט די נאַכט, און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. גייענדיק אַהיים האָט ער אַפֿן וועג באַגעגנט אַן אַלטינקן ייִדעלע. (ווער איז דער ייִדעלע? אליהו הנבֿיא. פֿרעגט אים דער אַלטינקער ייִדעלע: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?‟ דערציילט ער אים די מעשׂה: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים פֿאָלגן‟. זאָגט דער אַלטינקער ייִדעלע צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע: צי אַ טון גאָלד? צי אַ קווינט מזל? אָדער צו זײַן אַ וואָרטזאָגער?‟ זאָגט ער: „פֿון די דרײַ זאַכן וויל איך בעסער אַ טון גאָלד‟. — „גוט, זאָגט דער אַלטינקער, זאָלסט האָבן אַ טון גאָלד!‟ און איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך איז געגאַנגען דער מיטעלער זון נעכטיקן אַפֿן טאַטנס קבֿר, האָט ער איבערגענעכטיקט די נאַכט, און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. גייענדיק אַהיים האָט ער אַפֿן וועג באַגעגנט אַן אַלטינקן ייִדעלע. ווער איז דער ייִדעלע? אליהו הנבֿיא. פֿרעגט אים דער אַלטינקער ייִדעלע: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?‟ דערציילט ער אים די מעשׂה: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים פֿאָלגן‟. זאָגט דער אַלטינקער צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע: צי אַ טון גאָלד? צי אַ קווינט מזל? אָדער צו זײַן אַ וואָרטזאָגער?‟ זאָגט ער: „פֿון די דרײַ זאַכן וויל איך בעסער אַ קווינט מזל!‟ — „גוט, זאָגט דער אַלטינקער ייִדעלע, זאָלסט האָבן אַ קווינט מזל!‟ און איז אַוועקגעגאַנגען. אַפֿן דריטן טאָג איז געגאַנגען דער ייִנגסטער זון נעכטיקן אַפֿן טאַטנס קבֿר, האָט ער אויך איבערגענעכטיקט די נאַכט, און אַז עס איז געוואָרן טאָג, איז ער געגאַנגען אַהיים. גייענדיק אַהיים האָט ער אויך באַגעגנט דעם אַלטינקן ייִדעלע. פֿרעגט אים דער אַלטינקער ייִדעלע: „פֿון וואַנען גייסטו, זונעלע?‟ דערציילט ער אים די מעשׂה: „אַזוי ווי דער טאַטע האָט פֿאַרזאָגט, מוזן מיר אים דאָס פֿאָלגן‟. זאָגט דער אַלטינקער צו אים: „וואָס ווילסטו, זונעלע: צי אַ טון גאָלד? צי אַ קווינט מזל? אָדער צו זײַן אַ וואָרטזאָגער?‟ זאָגט ער: „פֿון די דרײַ זאַכן וויל איך בעסער זײַן אַ וואָרטזאָגער‟. -- „גוט, זאָגט דער אַלטינקער, זאָלסט זײַן אַ וואָרטזאָגער!‟ און איז אַוועקגעגאַנגען.

נו, איז אַזוי געווען, ווי דער אַלטינקער ייִדעלע האָט געזאָגט: דער עלטערער זון האָט באַקומען אַ טון גאָלד, איז ער געוואָרן זייער רײַך; דער מיטעלער--אַ קווינט מזל, איז אים געווען נאָך בעסער, וואָס ער האָט געטאָן איז אים געווען מזלדיק; אָבער דער ייִנגסטער זון האָט גאָרניט געהאַט. האָבן די עלטערע ברידער פֿון אים געלאַכט: „נאַדיר גאָר אַ וואָרטזאָגער! ווייניק זאָגערס, שלעפּערס זײַנען פֿאַראַן?‟ האָט ער זיי גאָרניט געענטפֿערט און איז

set out into = זיך אַוועק אויף

אַנידער = אַראָפּ

hook itself = אָנהאַקלען

frock coat = סורדוט

post = פֿאַרבײַ

burst out laughing = זיך צעלאַכן

געלעכטער < פֿון: לאַכן

resented = פֿאַרדראָסן

* May your belly be laughing!

pregnant = טראָגעדיק

דערפֿון = געבוירן

to be drawn / to stretch = זיך ציִען

turn = קער

behind = הינטער

this very minute = באַלד

טאַטע = פֿאָטער

מאַמע = מוטער

lock up = פֿאַרשליסן

crate = קאַסטן

let loose = אַוועקלאָזן

זיך אַוועק אַף דער וועלט. גייט ער זיך אַזוי, דער וואָרטזאָגער, דורך אַ וואַלד, זעט ער, עס שטייט זייער אַ הויכער בוים. זאָגט ער: „איך זאָג, אַז דער בוים זאָל אַנידערפֿאַלן און זאָל זיך אָנטשעפּען אָן מײַן סורדוט און זאָל זיך מיר נאָכשלעפּן ביז צום קייסערס פּאַלעץ!" און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז דער בוים גלײַך אַנידערגעפֿאַלן און האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן זײַן סורדוט, איז ער מיט אים אַוועקגעגאַנגען צום קייסערס פּאַלעץ. זעט גייט ער פֿאַרבײַ, זיצט דעם קייסערס טאָכטער אין פֿענצטער. זעט זי, ווי אַ מאַן גייט און זייער אַ לאַנגער בוים שלעפּט זיך אים נאָך. האָט זי זיך צעלאַכט, דעם קייסערס טאָכטער, געמאַכט אַ גרויסן געלעכטער. און ווער וואָלט עס ניט געלאַכט, ווען ער זעט אַ מאַן גייט און אַ בוים שלעפּט זיך נאָך אים? דעם וואָרטזאָגער האָט דאָס אָבער פֿאַרדראָסן, זאָגט ער צו איר: „אַ געלעכטער אין דײַן בויך אַרײַן!"* און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז זי באַלד טראָגעדיק געוואָרן און געהאַט אַ קינד דערפֿון. געהאַט אַ קינד! איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל אַף דער גאַנצער מדינה. סטײַטש, דעם קייסערס טאָכטער האָט געהאַט אַ קינד, און מע ווייס ניט פֿון וועמען! נו, האָט דער קייסער גלײַך געזעצט דעם סענאַט און זיי האָבן געגעבן אַן עצה, אַז ווען דאָס קינד וועט אַלט ווערן צוויי יאָר, זאָל מען מאַכן אַ גרויסן באַל און מע זאָל צונויפֿרופֿן אַלע מענטשן פֿון שטאָט און אַרופֿשטעלן דעם קינד אַפֿן טיש, וועט מען זען, צו וועמען דאָס קינד וועט זיך ציִען, יענעמס איז דאָס.

איז אַזוי געווען. אַז דאָס קינד איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָט דער קייסער געמאַכט אַ גרויסן באַל מיט אַלע גוטע זאַכן, אַרומגעזעצט די מענטשן אַרום די טישן, און מע האָט אַרופֿגעשטעלט דעם קינד. אָבער דאָס קינד האָט זיך צו קיינעם נים געקערט. האָט מען גענומען זוכן נאָך מענטשן, אַנדערע. האָט מען געפֿונען אין אַ שול אַ מאַן, וואָס איז געזעסן הינטערן אויוון און האָט געלערנט. זאָגט מען צו אים: „שיינער מענטש, קום צום טיש!"

איז ער געגאַנגען. האָט מען אים אַוועקגעזעצט צום טיש, געגעבן אים צו עסן פֿון די אַלע גוטע זאַכן, און דערנאָך האָט מען אַרופֿגעשטעלט דעם קינד אַפֿן טיש. איז ווי נאָר דאָס קינד האָט אים דערזען, האָט זיך דאָס באַלד אַ צי געטאָן צו אים מיט די הענטלעך. איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל צווישן די אַלע מענטשן. זאָגט מען צו אים: „שיינער מענטש, קום אַקאָרשט אַהער! ביסטו דאָס דער פֿאָטער פֿון דעם קינד?" זאָגט ער: „יע!" פֿרעגט מען אים: „וואָס זאָל מען דיר טאָן דערפֿאַר?" זאָגט ער: „טוט וואָס איר ווילט!" איז געבליבן, אַז מע זאָל זיי נעמען אַלע דרײַ, דעם פֿאָטער און די מוטער מיטן קינד, און מען זאָל זיי פֿאַרשליסן אין אַ קאַסטן און אַוועקלאָזן אַפֿן טײַך שווימען.

האָט מען אַזוי געטאָן: מען האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן קאַסטן, געגעבן זיי אַ לעבעלע ברויט מיט זיך און אַוועקגעלאָזן זיי אויפֿן טײַך שווימען. נו, אַז דער קאַסטן איז שוין געשווומען אויפֿן טײַך, איז דער וואָרטזאָגער געוואָרן הונגעריק, האָט ער גענומען עסן פֿון דעם לעבעלע ברויט. זאָגט דעם קייסערס טאָכטער צו אים: „וואָס עסטו אויף דעם גאַנצן לעבעלע ברויט? לאָז אויף מאָרגן האַלב.“ זאָגט ער: „אויף מאָרגן וועט זײַן אַנדערע“. און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, איז גלײַך געוואָרן אַנדערע ברויט. אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דאָס דערזען, רופֿט זי זיך אָפּ צו אים: „ווי באַלד אַזוי,* טאָ זאָג, אַז מיר זאָלן צושווימען צו אַ ברעג“. זאָגט ער: „נו, מיר'ן צושווימען צו אַ ברעג!“ און אַזוי ווי ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, זײַנען זיי צוגעשווומען צו אַ ברעג. זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, טאָ זאָג, אַז עס זאָל זיך עפֿענען דער קאַסטן אויך“. זאָגט ער: „נו, זאָל זיך עפֿענען דער קאַסטן אויך!“ האָט זיך גלײַך געעפֿנט דער קאַסטן. זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, אַז דו קאָנסט דאָס אויך, טאָ זאָג שוין, ס'זאָל ווערן אַ זילבערנע בריק מיט גילדערנע פּאַרענצן און די בריק זאָל זיך ציִען ביז צו מײַן טאַטנס הויז“. ווער איז איר טאַטע? דער קייסער. נו, האָט דער וואָרטזאָגער אַזוי געזאָגט, איז באַלד געוואָרן אַ זילבערנער בריק מיט גילדערנע פּאַרענצן און האָט זיך געצויגן ביז צום קייסערס פּאַלעץ. אַז דעם קייסערס טאָכטער האָט דאָס דערזען, זאָגט זי: „ווי באַלד אַזוי, אַז דו קאָנסט דאָס אויך, טאָ זאָג שוין, אַז עס זאָל ווערן אַ גילדערנער קאַרעט מיט פֿיר פּאָר פֿערד געשפּאַנט און מיר זאָלן אַזוי צופֿאָרן צום קייסערס פּאַלעץ.“ האָט דער וואָרטזאָגער אַזוי געזאָגט, ווי זי האָט געוואָלט, איז גלײַך געוואָרן אַ גילדערנער קאַרעט מיט פֿיר פּאָר פֿערד געשפּאַנט. נו, זײַנען זיי צוגעפֿאָרן צום קייסערס פּאַלעץ. גייט אַרויס דער קייסער פֿון הויז, האָט אים גלײַך אַ בליאַסק געטאָן אין די אויגן די זילבערנע בריק מיט די גילדערנע פּאַרענצן. פֿאַרוווּנדערט ער זיך, פֿרעגט ער: „וואָס איז דאָס, קינדער? ווער האָט דאָס אַלץ געמאַכט?“ ווײַזט אים אָן די טאָכטער אויף איר מאַן דעם וואָרטזאָגער. רופֿט זיך אָפּ דער קייסער צו אים: „ווי באַלד אַזוי, ביסטו דאָך גאָרניט קיין פּראָסטער מאַן! טאָ נאַדיר נאָך דערצו אַ האַלבע מלוכה און לעב גליקלעך מיט מײַן טאָכטער!“

נו, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע שימחה, מעד און ווײַן האָט מען געטרונקען, איבערן באָרד איז גערונען, און אין מויל איז מיר גאָרניט אַנגעקומען.

דערציילט אין 1928

small loaf = לעבעלע

respond = זיך אָפּרופֿן צו

edge, bank = ברעג

well, if that's the case = ווי באַלד אַזוי*

bridge = בריק

railings = פּאַרענצן

ציִען זיך > ציִען צו

carriage = קאַרעט

harnessed = געשפּאַנט

be dazzled = בליאַסק

be amazed = פֿאַרוווּנדערן זיך

mean, simple = פּראָסט

Formulaic ending: And I was there, drank the mead and beer, it flowed over my beard, but missed my mouth!

TRANSLATE LINES 53 - 93

# פֿ ר אַ ג ע ס

1. ווער זײַנען די וויכטיקסטע מענטשן אין דער מעשׂה?

2. וויפֿל זאַכן אין דער מעשׂה געשען (happen) דרײַ מאָל?

3. צי איז דאָס אַ פֿרומע מעשׂה? צי געפֿעלט זי דיר?

4. וואָס זאָגט דער טאַטע צו די זין?

5. וואָס האָט יעדער זון געוואָלט האָבן?

6. פֿאַר וואָס האָבן די עלטערע זין געלאַכט פֿונעם ייִנגסטן?

7. פֿאַר וואָס האָט די פרינצעסין געלאַכט פֿון אים?

8. ווי אַזוי איז ער געקומען צום באַל?

9. וואָס איז געשען מיטן ייִנגסטן זון אין טײַך?

10. ווי אַזוי האָט ער געקראָגן אַ האַלבע מלוכה?